**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף צוויי אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין אונטערשטע האדסאן וואלי

***סטעיט רוט 45 'גאנצע געסער' פראיעקט שטיצט קאמיוניטי חזון פאר צוקונפטיגע אינפראסטרוקטור און באדערפענישן פאר פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען***

***סטעיט רוט 35 שאסיי איבערמאכונג פראיעקט צו אויפרעכטן אויספלאסטערונג און פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף צוויי אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די אונטערשטע האדסאן וואלי וואס וועלן שטיצן געלעגנהייטן פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען און פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט לענגאויס וויכטיגע שאסייען. אן 11 מיליאן דאלארדיגער 'גאנצע געסער' פראיעקט איז אונטערוועגנס צו פארבעסערן א 1.36-מייל-לאנגע טייל פון רוט 45 (Main Street) פון סטעיט רוט 59 ביז West Eckerson Road אין די ווילעדזש אָוו ספרינג וואלי, טאון אָוו רעמעפּאָ, ראקלענד קאונטי. אין צוגאב האט א 6.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט זיך אנגעהויבן צו פארבעסערן די צושטאנד פון די שאסיי לענגאויס א 5.9-מייל-לאנגע טייל פון סטעיט רוט 35 צווישן סטעיט רוט 22 און Mead Street אין די טאון אָוו לואיסבאראו, וועסטשעסטער קאונטי. די פראיעקטן וועלן פארשטערקערן זיכערהייט און פארגרינגערן באוועגונג פאר באניצער פון די שאסייען בשעת'ן שטיצן סטעיט-ברייטע שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען און שטופן פאר די לאנג-טערמיניגע דויערהאפטיגקייט פון אונזער אינפראסטרוקטור.

"מיין אדמיניסטראציע איז שארף קאנצענטרירט אויף צו טראנספארמירן אינפראסטרוקטור צו ערפילן די באדערפענישן פון ניו יארקער, און די פראיעקטן אין די אונטערשטע האדסאן וואלי זענען ביישפילן פון די פארפליכטונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס זענען נישט בלויז אינוועסטירונגען אין שאסייען, נאר אויך אין קאמיוניטיס און אין די מענטשן וואס וואוינען, ארבעטן און ציהען אויף פאמיליעס דארט. די אינוועסטירונגען וועלן פארגרינגערן באוועגונג, פארשטערקערן אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די ערפארונג פון רייזעס פאר מענטשן וואס פארלאזן זיך אויף די פארנומענע שאסייען."

פארבעסערונגען לענגאויס סטעיט רוט 45 רעכענען אריין נייע לעינס זיך צו דרייען לינקס, איבערגעארבעטע טראפיק סיגנאלן, נייע קראסוואלקס, טראטואר ראמפעס, צוגענגליכע פיסגייער סיגנאלן עקוויפמענט, וואסער אפלויף און נייע אויסשטעלונג פון לעינס. ביציקליסטן וועלן אקאמאדירט ווערן אין די לעינס צוזאמען מיט די קארן, און דאס וועט אנגעצייכנט ווערן אויף די שאסיי. מאסנאמען צו באראויגן טראפיק, ווי טראטוארן וואס שטעקן זיך ארויס ביי אינטערסעקשענס, פארשמעלערן לעינס וואס זענען צו ברייט און א העכערע שטרייף צווישןביידע ריכטונגען וועלן העלפן פארשטייטערן שנעלקייטן און זיין מער צוגעפאסט פאר ביציקליסטן.

די צוגאב פון בענק צו זיצן און אייזנעס צו צושפארן ביציקלעך, און אזוי אויך די ערזעצונג פון צוויי באס שעלטערס וועלן אקאמאדירן מענטשן וואס נוצן פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען לענגאויס די שאסיי. די עקזיסטירנדע לענדסקעיפינג וועט באשיצט ווערן אדער צוריק אוועקגעשטעלט ווערן מיט ענליכע פלאנצונגען צו פארשענערן די אויסקוק פון די געסער אין די ווילעדזש. די עיקר ארבעט איז פלאנירט צו פארענדיגט ווערן אנהויב 2026.

א "גאנצע גאס" (Complete Street) איז א גאס וואס איז פלאנירט און דעזיינט צו נעמען אין באטראכט זיכערע און באקוועמע צוטריט און באוועגונג פאר שאסיי באניצער פון יעדע עלטער און מיט אדער אן דיסאביליטיס. דאס רעכנט אריין קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס.

די סטעיט רוּט 35 שאסיי איבערמאכונג פראיעקט וועט באשטיין פון דאס אפקראצן די עקזיסטירנדע אויספלאסטערונג און גיסן די נייע אויספלאסטערונג מיט א פעך געמיש וואס ווערט געגאסן ווארעם צו פארלענגערן די יארן ווי לאנג די שאסיי וועט קענען זיין אין דינסט און פארשטערקערן די קוואליטעט דערפון. טראפיק סיגנאלן וועלן מאדערניזירט ווערן, און פארבעסערונגען צו די וואסער אפלויף סיסטעם וועלן אריינגערעכנט ווערן אין דעם פראיעקט.

דער פראיעקט וועט ערזעצן די עקזיסטירנדע אויספלאסטערונג מיט פעך אויסגעמישט מיט פארשטערקערנדע פייבערס וואס האלט אן לענגער, איז מער דויערהאפטיג און וועט מינימיזירן שפאלטן. די צייכענונגען אויף די שאסיי וועלן געמאכט ווערן דורך שפאלטנס אנגעפילט מיט צוריקשיינענדע איפּאָקסי פארב צו פארמערן זייער זעהבארקייט דורכאויס שטורעמעס. דער פראיעקט איז דעזיינט געווארן צו מינימיזירן די השפעות אויף די פובליקום וואס פארט, מיט אלע ארבעט ווערנדיג געטוהן דורכאויס די נאכט שעה'ן. פארענדיגונג פון דעם פראיעקט איז ערווארטעט אין הערבסט פון 2024.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) קאמישאנער, מערי טערייזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט א חזון צו באררייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר קאמיוניטיס דורך קלוגע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור, און מיר זעהען דאס זיך אויסשפילן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די אינוועסטירונגען אין די אונטערשטע האדסאן וואלי וועלן ערלויבן די קאמיוניטיס צו וואקסן און בליהען פאר פילע קומענדיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן מעקגאַווען האט געזאגט,** "זעהענדיג די צושטאנד פון די שאסייען, איז דאס פריידיגע נייעס. איך באדאנק די DOT פארן זיין טייל פון די אנגייענדע דיאלאג און פארן פארשטיין די באלדיגע נויט פאר פארבעסערונגען אויף די שאסייען. די זיכערהייט פון אלע איינוואוינער איז קריטיש, און מיר זענען דאנקבאר פאר די פארבעסערונגען און דורכגעפירטע שריט אין די נאמען פון זיכערהייט פאר דרייווערס, ביציקליסטן און פיסגייער. איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון די פראיעקטן, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די DOT און אונזערע לאקאלע רעגירונגען אויף צוקונפטיגע פראיעקטן."

**טאון אָוו רעמעפּאָו סוּפּערווייזער, מייקעל ספעקט, האט געזאגט,** "די אנהויב פון די רוּט 45 'גאנצע געסער' שאסיי פראיעקט איז גאר פריידיגע נייעס אין די טאון אָוו רעמעפּאָו. די פארבעסערונגען וואס די טראנספארטאציע דעפארטמענט נעמט אונטער וועלן פארמערן פיסגייער זיכערהייט, פארבעסערן די פלוס פון טראפיק פאר אונזערע דרייווערס און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פון אונזערע איינוואוינער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די NYS DOT פארן אויסהערן אונזערע זארגן און זיך פאראויס רוקן מיט די גאר-נויטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען."

**טאון אָוו לוּאיסבאראו, טאָוני גאָנקאַלוועס, האט געזאגט,** "איך און אונזערע טאון איינוואוינער זענען גאר פרייליך אז די אויספלאסטערונג פון NYS רוּט 35 פון די טאון אָוו בעדפארט ביז די טאון אָוו

לוּאיסבאַראו וועט זיין פאַרטיג דעם זומער. דער פּראַיעקט איז געווען א פריאָריטעט פאַר מיך פאַר עטליכע יאָרן. איך בין דאַנקבאַר פאַר די שותפות און שטיצע פון אונזערע פאַרטרעטער אין ניו יאָרק סטעיט און וועסטשעסטער קאונטי ביים העלפן ברענגען דעם פּראַיעקט צו אויסגעפירט ווערן. איך בין אויך גאָר דאַנקבאַר פאַר NYS DOT ראַיאָן 8 דירעקטאָר, לענס מעקמילען, און זיין DOT מאַנשאַפט וועלכע זענען אַראָפּגעקומען צו די טאַון אַוו לוּאיסבאַראו און זיך געטראָפן מיט אונז אַלע אין אויגוסט פון 2022 און זיך איינגעהערט אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעדרוקט אונזערע זאָרגן איבער די צושטאַנד פון די שאַסיי, באַזונדערס די זיכערהייט זאָרגן פאַר די וואָס פאָרן אַריבער לוּאיסבאַראו אויף די פּאַרנומענע שאַסיי וואָס פאַרט צווישן מזרח און מערב."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פאָרן שטייטער און צו דרייווען פאַראַנטוואָרטליכערהייט אין אַרבעט'ס זאָנעס. קנסות זענען געטאָפּלט פאַרן פאָרן שנעל אין אַן אַרבעט'ס זאָנע. געפונען ווערן שולדיג פאַר צוויי אָדער מער פאַרלעצונגען פון פאָרן שנעלער ווי ערלויבט אין אַן אַרבעט'ס זאָנע קען פירן דערצו אַז אַ מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאָל סוספּענדירט ווערן.

דרייווער ווערן דערמאַנט זיך אַריבערצורוקן אַ לעין אויב עס איז מעגליך דאָס צו טוהן אויף אַ זיכערן אופן, אָדער צו פאָרן באַדייטנד שטייטער ביים זיך אַנטרעפן מיט קאַרן/טראָקס וואָס אויפן זייט פון די שאַסיי מיט רויטע, ווייסע, בלויע, אַראַנדזשע אָדער גרינע לייטס, אַריינרעכענענדיג אויפהאַלטונג און קאַנסטרוקציע קאַרן/טראָקס אין אַרבעטס זאָנעס.

פאַר די לעצטע אינפאָרמאַציע איבער די געסער, רופט 511, באַזוכט www.511NY.org אָדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאָן עפּ.

פאָלגט נאָך ניו יאָרק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT און @NYSDOTHV. טרעפט די NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באַקומען די לעצטע נייעס פון די גאַווערנער'ס אָפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אַרויסשרייבן